**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/15/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שליסט זיך אן מיט MTA פארזיצער פאר פייערליכע ערשטע רייזע אויף LIRR'ס נייע דריטע רעלסן

## *דריי-מייל-לאנגע טייל לויפט פון Floral Park ביז Merillon Avenue*

## *נייע טייל פון רעלסן גיבט LIRR מער בויגזאמקייט דורכאויס שטערונגען*

## *פאסאנזשירן וועלן זעהן נאך סערוויס אפציעס ווען די גרענד צענטראל מעדיסאן טערמינאל ווען עס עפנט זיך שפעטער היי יאר*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט – באגלייט דורך די פירער פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) פאר א פייערליכע ערשטע רייזע – די עפענונג פון די ערשטע טייל פון די לאנג איילענד רעלסן (Long Island Rail Road, LIRR) נייע הויפט ליניע דריטע רעלסן. די בעאמטע האבן געפארן אויף א נארוואס-געעפנטע דריי-מייל-לאנגע שטרעקע צווישן Floral Park און Merillon Avenue סטאנציעס, אראפגייענדיג פון די באן ביי די מאדערניזירטע New Hyde Park סטאנציע.

"די עפענונג פון די דריטע רעלסן ציכנט אפ א ריזיגע עררייכונג פאר רייזנדע און באזיכער וואס קאכט זיך שוין פאר צענדליגע יארן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק דעם אויסערגעווענטליכן פראיעקט וועלן LIRR באנען פארן אפטער, און פאסאנזשירן וועלן האבן א גלאטערע רייזע פון סיי ווען. אונזערע שותפים אין די MTA און די שווער-ארבעטנדע מענער און פרויען אין ארגאניזירטע לעיבאר האבן אהערגעשטעלט א צייטליכער פראיעקט וואס האט זיך געהאלטן צו די בודזשעט — און דאס איז א זאך וואס איז ווערט צו געפייערט ווערן."

די LIRR הויפט ליניע פארברייטערונג פראיעקט (LIRR Main Line Expansion Project) איז טייל פון א פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונג פון 17.7 ביליאן דאלאר אין 100 פראיעקטן צו טראנספארמירן און מאדערניזירן די לאנג איילענד רעלסן. עס רעכנט אויך אריין די עפענונג פון סערוויס ביי גרענד צענטראל מעדיסאן דעם יאר, קאנסטרוקציע פון א גרעסערע פען סטאנציע LIRR זאל און א נייע אריינגאנג פון 33rd Street, באנייען און מאדערניזירן 36 סטאנציעס און 17 בריקן, עלימינירן אכט פלעצער וואו די באנען פארן אריבער גאסן, אקטיוויזירן די פאזיטיוועו באן קאנטראל זיכערהייט סיסטעם, צולייגן נאך 13 מייל פון די צווייטע רעלסן צווישן פארמינגדעיל און ראנקאנקאָמע, פארבעסערונגען צו 15 עלעקטראנישע סובסטאנציעס, מער פארקינג פלעצער, באן יאַרד פארברייטערונגען און מער. אין צוגאב צו די טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען, פלאנירן די MTA צוזאמען מיט NJ TRANSIT און Amtrak צו זוכן צו באקומען פעדעראלע געלטער שפעטער דעם יאר צו איבערבויען פען סטאנציע צו ווערן א מער מאדערנע, ברייטע און ערשט-קלאסיגע איין-שטאקיגע טערמינאל וואס איז אפן צו באלאכטן ווערן נאטורליך דורך די זון.

ברייטע קאנסטרוקציע אויף די דריטע טרעק האט זיך אנגעהויבן סוף 2018, און ווען עס וועט זיך פולשטענדיג עפענען שפעטער דעם יאר וועלן פאסאזשירן לענגאויס די שטרעקע פון די הויפט ליניע האבן א מאסן טראנספארטאציע לייזונג וואס רעדוצירט אנגעלייגטקייט אויף די געסער און פארמערט זיכערהייט. לאנג איילענד ביזנעסער וועלן געניסן פון די בענעפיטן פון פארלעסליכע LIRR סערוויס איןביידע ריכטונגען, ברענגענדיג מיט זיך עקאנאמישע געלעגנהייטן, פארבעסערנדיג די טעכנאלאגישע און וויסנשאפטליכע עקאנאמיע און צושטעלנדיג גרינגערע צוטריט צו דזשאבס און פארוויילונג.

צוזאמען מיט די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, ברענגט LIRR'ס נייע דריטע רעלסן די מעגליכקייט צו לויפן מער סערוויס אויף די הויפט ליניע. ביי New Hyde Park וועט די סערוויס ווערן געהעכערט מיט 67 פראצענט. אין די יעצטיגע צייט לויפן 56 באנען יעדע סוף וואך. מיט די נייע סקעדזשול וועלן זיין 94.

**MTA פארזיצער און CEO דזשענאָו ליעבער האט געזאגט,** "לאנג איילענד פירער האבן גערעדט פאר דורות איבערן צולייגן דריטע רעלסן, און עס איז ענדליך דא. די MTA אינוועסטירט ביליאנען דאלארן אין לאנג איילענד, און די רעזולטאטן זענען קלאר: אפטערע סערוויס און מער פארלעסליכקייט, צוזאמען מיט די ערשטע סערוויס אין די פארקערטע ריכטונג וועט גיבן פאר לאנג איילענד ביזנעסער די מעגליכקייט צו אויפנעמען ארבייטער פון פיל מער פלעצער."

**LIRR צייטווייליגע פרעזידענט און Metro-North Railroad פרעזידענט, קעטרין רינאַלדי, האט געזאגט,** "די אנהויב פון די LIRR דריטע רעלסן איז דא, און יעצט וועלן פאסאזשירן פון ראנקאנקאָומע, פארט דזשעפערסאן/האָנטינגטאן און אויסטער בעי טאַונס ענדליך אנהויבן זעהן די בענעפיטן פון דעם טראנספארמאטיווען פראיעקט. די דריטע רעלסן מאנשאפט האט מאדערניזירט סטאנציעס מיט א רייע מאדערנע איינריכטונגען, געשאפן א מער שטאנדהאפטיגע סיסטעם וואס קען זיך בעסער אן עצה גיבן מיט שטערונגען צו סערוויס און פארגרינגערט פאר LIRR פאסאזשירן צו מאכן באקוועמע רייזעס אויף צוריק דורכאויס פארנומענע שעה'ן."

**MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט פרעזידענט דזשעימי טאָרעס-ספרינגער האט געזאגט,** "די באנייאונג פון די ערשטע שטרעקע פון די LIRR דריטע רעלסן איז א געוואלדיגע עררייכונג אזוי ווי מיר שטעלן אהער דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט אויף א צייטליכן פארנעם און זיך האלטנדיג צו די בודזשעט פאר לאנג איילענד איינוואוינער. א דאנק די שפעפרישקייט און שווערע ארבעט פון אונזער ארבעטסקראפט, האבן מיר דאס מצליח געווען צו טוהן בשעת'ן האלטן די שטערונגען צו די שכנות'דיגע קאמיוניטיס צו א מינימום און אויך האלטנדיג אפן סערוויס מיט הונדערטע באנען לויפנדיג טעגליך דורכאויס אונזער 10-מייל-לאנגע ארבעט'ס זאנע. דער פראיעקט שטייט אלץ א מוסטער פאר אונז גייענדיג פאראויס אזוי ווי מיר ברענגען גרויסע בענעפיטן פאר אונזערע פאסאזשירן אויף א בעסערן, שנעלערן און ביליגערן פארנעם."

די קאנסטרוקציע פון די דריטע רעלסן פון Floral Park ביז היקסוויל וועט רעדוצירן אנגעלייגטקייט אויף די באנען און פארשפעטיגונגען, און עס וועט ערמעגליכן פארלעסליכע סערוויס אין ביידע ריכטונגען דורכאויס פארנומענע שעה'ן מיט א פארלעסליכערע באן נעטווארק אין אלגעמיין.

די New Hyde Park און Merillon Avenue סטאנציעס ווערן מאדערניזירט מיט פארברייטערטע פלאטפארמעס, דיגיטאלע שילדן, נייע פלאטפארמע דעכער, איינריכטונגען ווי בענק, שעלטערס און שילדן, CCTV סעקיוריטי קאמעראס צו פארמערן זיכערהייט, Wi-Fi; USB טשארדזשינג סטאנציעס, קונסטווערק, נייע ביציקל רעקס און אפענע גרינע שטחים.

יעדע סטאנציע איז יעצט מער צוגענגליך לויט ADA סטאנדארטן, מיט נייע ראמפעס, א פיסגייער בריק און נייע ADA פארקינג פלעצער.

דריי אינטערסעקשענס פון די רעלסן צווישן New Hyde Park און Merillon Avenue סטאנציעס ( New Hyde Park Road, South 12th Street, Covert Avenue) זענען עלימינירט געווארן, שאפנדיג א זיכערערע און מער פארלעסליכע באן. אוועקנעמען די אינטערסעקשענס מיט די ראודס בענעפיטירן די ענווייראמענט ווייל קארס וועלן מער נישט דארפן ווארטן מיט אנגעצינדענע מאטארן פאר די LIRR באנען אריבערצופארן.  די זענען דריי ארויס פון אכט אינטערסעקשענס וועלכע זענען שוין עלימינירט געווארן אלץ טייל פון די דריטע רעלסן פראיעקט, און די נויט צו עלימינירן די אינטערסעקשענס איז נאך מער ארויסגעוויזן געווארן דורך זעקס פאטאלע עקסידענטן ביי אינטערסעקשענס מיט די ראוד אויף די LIRR הויפט ליניע צווישן 2007 און 2017.

ארטיגע איינוואוינער וועלן מער נישט דארפן ליידן פון די גערוישן פון די באן פייפערייען און קלינגערייען. די טראפיק אנגעלייגטקייט צוליב די פארמאכנדע גייטס און עקסידענטן פון העכערע טראקס מיט באן בריקן וועלן אויך זיין א זאך פון די פארגאנגענהייט.

די LIRR הויפט ליניע פארברייטערונג פראיעקט איז צייטליך און 100 מיליאן דאלאר אונטער די פלאנירטע בודזשעט.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמערpress.office@exec.ny.gov |518.474.8418 |

זיך ארויסשרייבן